בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# אַ רִיכְטִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת

דֶער קוּנְטְרֵס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דִי גֶעוַואלְדִיגֶע וִויכְטִיגְקֵייט פוּן הָאבְּן "אַ רִיכְטִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת", דֶער מַאן אוּן דִי וַוייבּ זָאלְן זִיךְ פַּארְשְׁטֵיין אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן. מִיט עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וִוי אַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען צוּ דֶעם, צוּ הָאבְּן "אַ רִיכְטִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת".

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "שָׁלוֹם בְּאָהֳלֶךָ" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נִיוּ יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

## קרן הדפסה
## היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# אַ רִיכְטִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת

## א

צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז גָאר קְרִיטִיש אוּן וִויכְטִיג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ, אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, סְ'וָואלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין וֶוען מְ'וָואלְט זִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אוּן גֶעהַאט שָׁלוֹם בַּיִת; מְ'כַאפְּט אָבֶער נִישְׁט אַז דָאס אִיז נִישְׁט סְתַּם עֶפֶּעס אַ גוּטֶע עֵצָה, אַ גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ, נָאר דָאס אִיז מַמָּשׁ דֶער יְסוֹד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, זַיין גַאנְצֶע

אִידִישְקֵייט, זַיין גַאנְצֶע שְטוּב, אִיז אָנְגֶעוָואנְדֶען אִין דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוּילְן אַז מִיר זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן און הָאבְּן קִינְדֶער, אַז מִיר זָאלְן אוֹיפְשְטֶעלְן אַ אִידִישֶע שְטוּבּ. מִיר דַארְפְן אוֹיפְצִיעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער און זֵיי מְחַנֵךְ זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַז זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי יִרְאַת שָמַיִם, און דָאס קֶען נָאר פַּאסִירְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ רִיכְטִיגֶע שָלום בַּיִת אִין שְטוּבּ.

וֶוען אַ מֶענְטְש פִירְט זִיךְ נִישְט אוֹיף אִין שְטוּבּ ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר הָאט נִישְט קַיין שָלום בַּיִת, וֶועט אִים קֵיינֶער נִישְט אוֹיסְהֶערְן. דִי וַוייבּ וֶועט נִישְט אוֹיסְהֶערְן דֶעם מַאן, דֶער מַאן וֶועט נִישְט אוֹיסְהֶערְן דִי וַוייבּ, און דִי קִינְדֶער וֶועלְן נִישְט אוֹיסְהֶערְן זֵיי בֵּיידֶע.

אוֹיב אִיז דִי שְׁטוּבּ נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאקֶע פְּלַאץ, קֶען קֵיינֶער דָארְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין גְלַייכֶער מֹחַ מִיט יִשׁוּב הַדַעַת, מְ׳וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מְ׳הָאט צוּ טוּן, מְ׳וֶוערְט אִינְגַאנְצְן דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, מְ׳פַאלְט אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ צֶעפַאלְט, אוּן קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס אִינְגַאנְצְן גֶעזוּנְט פוּן אַזַא סָארְט שְׁטוּבּ.

ווידֶער אוֹיבּ אִיז דָא אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִינְדֶערְהֵיים, מְ׳הָאט זִיךְ לִיבּ אוּן מְ׳פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, דַאן אִיז יֶעדֶער רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, אוּן דַאן קֶען מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין סַיי בְּרוּחָנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת. דִי קִינְדֶער פוּן אַזַא שְׁטוּבּ הֶערְן אוֹיס וָואס דִי עֶלְטֶערְן לֶערְנֶען זֵיי, זֵיי קוּמֶען אַרוֹיס גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, מִיט אַ גֶעזוּנְטֶע מֹחַ, מִיט גֶעזוּנְטֶע גֶעפִילְן, אוּן קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

יֶעדֶער קֶען זוכֶה זַיין צו הָאבְּן שָׁלום בַּיִת, מְ׳דַארְף נָאר אַבִּיסְל אַרְבֶּעטְן אויף זיך, מְ׳דַארְף הַאלְטְן דֶעם קָאפּ אויפְ׳ן פְּלַאץ וְוי אַזוי זיך צו פִירְן אִין שְׁטוּב, אויף אַ וֶועג אַז עֶס זָאל דָארְט הֶערְשְׁן אַ ריכְטיגֶע שָׁלום בַּיִת.

## ב

דֶער עֶרְשְׁטֶער יְסוֹד פוּן שָׁלום בַּיִת אִיז צו וְויסְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעפִילְן, דֶער מַאן הָאט גֶעפִילְן אוּן דִי פְרוי הָאט גֶעפִילְן, אוּן יֶעדֶער דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צו טְשֶׁעפֶּען יֶענֶעמְ׳ס גֶעפִילְן.

אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין פַארְשְׁטֵייט אַז עֶר הָאט גֶעפִילְן, אוּן עֶס טוּט אִים וֵויי וֶוען אֵיינֶער טְרֶעט אויף דֶעם, וֶוען אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט אִים אוּן פַארְשְׁטֵייט אִים נִישְׁט. וְוי אויך וֵוייסְט יֶעדֶער בַּיי זיך אַז עֶר הָאט גֶעוִויסֶע זַאכְן וָואס בַּיי דֶעם אִיז עֶר נָאך מֶער סֶענְסִיטִיוו, אוּן עֶר וִויל זִיכֶער נִישְׁט אַז אַ צְוֵוייטֶער זָאל אִים טְשֶׁעפֶּען מִיט דִי

זאכן, עס טוט אים זייער ווייי ווען איינער קימערט זיך נישט מיט זיינע געפילן, ווען יענער רעדט און טוט זאכן וואס טרעטן אויף זיינע סענסיטיווע געפילן.

די זעלבע זאך - און נאך מער - דארף מען גוט האלטן קאפ און געדענקען אז יענער איז אויך געמאכט פון פלייש און בלוט, יענער האט אויך א הארץ און געפילן, און מ׳דארף זייער שטארק אכטונג געבן נישט ווייי צו טון יענעם, און גאר ספעציעל דארף מען אכטונג געבן יענעם נישט ווייי צו טון מיט זאכן אויף וואס יענער איז מער סענסיטיוו, מיט זאכן וואס יענער וועט שטארק נעמען צום הארץ. אפילו ווען מ׳האט טענות איינער אויפ׳ן צווייטן, געבט דאס נאכנישט די רעכט צו טרעטן אויף יענעמ׳ס געפילן און יענעם מצער זיין.

װען דער מאַן פאַרשטייט דאָס און ער גיבט זייער אַכטונג אויף זיין ווייב׳ס געפילן, און די פרוי פאַרשטייט אויך די זעלבע און זי גיבט זייער אַכטונג אויף איר מאַנ׳ס געפילן, מ׳פּרוּבירט דאָס מערסטע יענעם נישט וויי צו טון, נאָר פאַרקערט צו מכבד זיין איינער דעם צווייטן, צו מאַכן יענעם שפירן גוט, צו געבן אַ גוט וואָרט פאַר יענעם ווען אימער מ׳קען נאָר; דאַן וועט זיין אַ ריכטיגע שָׁלוֹם בַּיִת אין דעם הויז, ס׳וועט זיך שפירן אַ טעם פון גַן עֵדֶן אין אַזאַ הויז, ס׳וועט זיין אַ פריילעכע און גליקליכע היים, און יעדער וועט זיך שפירן זייער געשמאַק דאָרט צו פאַרברענגען.

## ג

מ׳קען ברענגען טויזנטער משלים פון זאַכן מיט וואָס מ׳קען טשעפּען אַ צווייטנ׳ס געפילן, לאָמיר

אָבֶער אָנְכַאפְּן אֵיין בַּיישְׁפִּיל צוּ פַארְשְׁטֵיין בֶּעסֶער דֶעם עִנְיָן.

דִי נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז עֶר הָאט לִיבּ זַיין מִשְׁפָּחָה, עֶר הָאט לִיבּ זַיין טַאטֶע מַאמֶע אוּן זַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע. אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז בַּא'עַוְלְ'ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ זֵיי, אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט גֶעלִיטְן פוּן זֵיי, אִיז עֶר נָאכְאַלְץ אַ טֵייל פוּן זֵיי, אוּן סְ'וֶועט אִים אֵייבִּיג צִיעֶן צוּרִיק צוּ זֵיי.

מִיט דֶעם וָואס דֶער מַאן מַאכְט אַוֶועק, עֶר שְׁפֶּעט אָפּ אוּן מַאכְט חוֹזֶק פוּן זַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט מִיט זַיינֶע טַעֲנוֹת קֶעגְן זֵיי, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דִי וַוייבּ אַלֵיין רֶעדְט אוֹיךְ קֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן אוּן הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף זֵייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג, פוּן דֶעסְט וֶועגְן וֶועט דָאס זֵייעֶר שְׁטַארְק

# אַ ריכְטיגֶע שָׁלום בַּיִת

וֵויי טוּן פַאר דִי פְּרוֹי וֶוען אִיר מַאן רֶעדְט קֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיף פַארְקֶערְט, וֶוען דִי פְּרוֹי רֶעדְט קֶעגְן אִיר מַאנְ׳ס עֶלְטֶערְן, וֶועט דָאס אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי טוּן. אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז אוֹיךְ בְּרוֹגֶז אוֹיף זַיינֶע עֶלְטֶערְן, ווייל עֶר אָבֶער דָאס נִישְׁט הֶערְן פוּן זַיין וַוייבּ, עֶס וֶועט אִים זֵייעֶר שְׁטֶעכְן בַּיים הַארְץ וֶוען זִי וֶועט רֶעדְן קֶעגְן זֵיי.

וָואס פַּאסִירְט וֶוען מְ׳רֶעדְט קֶעגְן דִי שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער? סְ׳וֶוערְט אַ קְלֵיין שְׁטָאךְ אִין הַארְץ. כָּאטְשׁ וָואס אוֹיף דִי מִינוּט וֶועט זִיךְ עֶס נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען, דֶער צְוֵויטֶער וֶועט גָאר מִיטְלַאכְן אוּן מִיטְרֶעדְן קֶעגְן דִי אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערְן, אָבֶּער טִיף אִין הַארְץ וֶועט וֶוערְן אַ לֶעכְל – אוּן דַאן וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן בּוֹיעֶן אוֹיף דֶעם לֶעכְל גַאנְצֶע גֶעבֵּיידֶעס.

אִין אַ צְוֵוייטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט וֶועט יֶענֶער פְּרוּבִּירְן צוּרִיק צוּ וַוארְפְן טַעֲנוֹת אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע עֶלְטֶערְן, אָדֶער סְתָּם אַזוֹי וֶועט מֶען שׁוֹין טְרֶעפְן סִיבּוֹת אוּן זַאכְן פַארְוָואס זִיךְ צוּ קְרִיגְן, אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּלוֹיז מִיט דֶעם וָואס מְ'הָאט גֶערֶעדְט קֶעגְן שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער.

דָאס אִיז אֵיין בַּיישְׁפִּיל, אָבֶער דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מְ'טְשֶׁעפֶּעט יֶענֶעמְ'ס גֶעפִילְן. מְ'קֶען אַמָאל צוּקוּקְן ווִי עֶס בְּרֶענְט אַ גְרוֹיסֶער פֵייעֶר פוּן מַחְלוֹקֶת אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, יֶעדֶע זַייט הָאט אַ גַאנְצֶע בַּארְג מִיט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אוּן סְ'קֶען אוֹיסְקוּקְן ווִי דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ גֶעפֶערְלִיכֶע אוֹיסְנַאמְלִיכֶע פַאל, סְ'טוּט זִיךְ דָא גַאנְצֶע בִּנְיָנִים אֵיינֶער קֶעגְן צְוֵוייטְן, סְ'אִיז מַמָשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען אוּן לֶעבְּן

בְּשָׁלוֹם אִינְאֵיינֶעם. און דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער גֶעוֶועזְלִיךְ אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּלוֹיז מִיט אֵיין קְלֵיינֶע שְׁטוּת וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דֶעם צְוֵוייטְנְ׳ס גֶעפִילְן.

בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה הָאט מֶען אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז מְ׳הָאט גֶערֶעדְט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער וִוי נָאר מְ׳הָאט יֶענֶעם גֶעגֶעבְּן אַ קְלֵיין שְׁטָאךְ אִין זַיינֶע אָדֶער אִין אִירֶע גֶעפִילְן, יֶענֶער אִיז גֶעוָוארְן בַּאלֵיידִיגְט און גֶעטְשֶׁעפֶּעט פוּן דֶעם, דַאן וֶועט שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן צוּ שְׁטֶערְן יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ. זַאכְן וָואס אִין גֶעוֶועזְלִיכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן וָואלְט דָאס אֲפִילוּ נִישְׁט וֵויי גֶעטוּן, אַזוֹי וִוי מְ׳אִיז שׁוֹין אָבֶּער אָנְגֶעגֶעסְן אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן, הוֹיבְּט שׁוֹין אָן צוּ שְׁטֶערְן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט.

דֶערִיבֶּער לָאמִיר הַאלְטְן גוּט קָאפּ, און פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן דֶעם אַנְדֶערְן, און דַאן

וֶועט מֶען זיך אַיינְשְׁפָּארְן שְׁפֶּעטֶער אַזויפִיל מַחְלוקֶת און צַעַר און עַגְמַת נֶפֶשׁ. לָאמִיר זיך אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צו מַאכְן יֶענֶעם גוט שְׁפִּירְן אויפְ׳ן הַארְץ, יֶענֶער זָאל שְׁפִּירְן אַז מְ׳הָאט אִים לִיבּ און מְ׳קוקְט אִים אַרויף, און דַאן וֶועט דִי הויז זַיין אַ גֶעשְׁמַאק, מִיט אַ רִיכְטִיגֶע שָׁלום בַּיִת.

ד

וֶוען מַאן און וַוייבּ הָאבְּן חֲתוּנָה, דַארְפְן זֵיי וִויסְן און פַארְשְׁטֵיין אַז זֵיי גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין אַ שׁוּתְּפוּת אִינְאֵיינֶעם, זֵיי וֶוערְן אֵיינִיגֶע שׁוּתְּפִים אִין זֵייעֶר שְׁטוּבּ וָואס זֵיי גֵייעֶן יֶעצְט בּויעֶן צוזַאמֶען. אַזוי וִוי בַּיי אַ שׁוּתְּפוּת זֶענֶען בֵּיידֶע שׁוּתְּפִים אֵיינִיג וֶוען עֶס קוּמְט צו אַ פַארְלוּסְט - בֵּיידֶע פַארְלִירְן פון דֶעם, און אַזוי אויך זֶענֶען בֵּיידֶע אֵיינִיג וֶוען עֶס קוּמְט צו אַ גֶעוִוינְס - בֵּיידֶע פַארְדִינֶען פון דֶעם; דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַ פָּאר-פָּאלְק,

מַאן און וַוייבּ דַארְפְן וויסְן אַז בֵּיידֶע זֶענֶען אֵיינִיג, וֶוען עֶס קוּמְט אַ גוּטֶע צַייט, פַאַרְדינֶען בֵּיידֶע דֶערְפוּן, און וֶוען עֶס קוּמְט חַס וְשָלום אַ שְלֶעכְטֶע זַאךְ, זֶענֶען אוֹיךְ בֵּיידֶע אֵיינִיג, מְ'דַארְף זִיךְ טֵיילְן מִיט דִי שָאדְן, און מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אַז דִי שְלֶעכְטֶע צַייטְן וֶועלְן נִישְט בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, און נִישְט אָנְהוֹיבְּן וַוארְפְן דֶעם שוּלְד אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן.

רוֹב קְרִיגֶערֵייעֶן אִין אַ שְטוּבּ, הוֹיבְּן זִיךְ אָן וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער עֶפֶּעס אַ צָרָה, אַ שָאדְן, עֶפֶּעס אַן אוּמְאַנְגֶענֶעמֶע זַאךְ. בֵּיידֶע וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג דֶערְפוּן, און בֵּיידֶע ווִילְן נִישְט נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ דִי אַחְרַיוּת אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שוּלְד, און פוּן גְרוֹיס דְרוּק און יֵאוּש הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ בַּאשוּלְדִיגְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, און אַזוֹי וֶוערְט מֶען צֶעקְרִיגְט און דֶערְוַוייטֶערְט אֵיינֶער פוּן אַנְדֶערְן.

וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען אָבֶּער גֶעהַאט דֶעם קָאפּ אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ, זֵיי וָואלְטְן גֶעטְרַאכְט רוּאִיג מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת, וָואלְטְן זֵיי גֶעזֶען אַז קֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג. יֶעדֶער קֶען מַאכְן טָעוּתִים, עֶס פַּאסִירְן צוּמָאל שְׁוֶוערֶע אוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, סְ׳אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן קֵיינֶער אִיז דָא גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג. אוּן דַאן וָואלְט דֶער מַצָב גֶעוֶוען פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, זֵיי וָואלְטְן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְוֵייטְן, אוּן צוּזַאמֶען גֶעזוּכְט אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי צָרָה אוּן פְּלָאנְטֶער, אוּן נִישְׁט נָאר וָואס דָאס וָואלְט נִישְׁט גֶעשַׁאדְט פַאר זֵייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת, נָאר דָאס וָואלְט גָאר צוּגֶעהָאלְפְן צוּ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער אֵיינֶער צוּם צְוֵייטְן, אוּן זִיךְ נָאךְ מֶער לִיבּ הָאבְּן.

די זעלבע זאך איז ווען עס קומט אַ גוטע צייט, עס קומט גוטע זאכן, קען אויך נישט איינער נעמען איינגאנצן די קרעדיט נאר פאר זיך, נאר אזוי ווי גלייכע שותפים דארף מען זיך טיילן אויך מיט די פארדינסטן. זיך פרייען אינאיינעם מיט די שמחה, און דאס זאל ברענגען מער ליבשאפט צווישן די צוויי.

## ה

שמחה אין שטוב, ברענגט אלע גוטע רפואות און ישועות אין שטוב, עס ברענגט אריין די שכינה אין שטוב, און עס ברענגט אלע הצלחות אין שטוב.

מאן און ווייב דארפן ביידע פרובירן מיט אלע כוחות צו זען אז ס׳זאל שטענדיג זיין א געשמאקע אטמאספער אינדערהיים, עס זאל זיין אַ לופטיגע און געשמאקע שטימונג אין הויז, און דאן וועט שוין אלעס זיין גוט און פיין.

וֶוען עֶס הֶערְשְׁט אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אִינְדֶערְהֵיים, מְ׳קֶען שְׁפִּירְן דִי נֶערְוֶועזְקֵייט אִין דִי לוּפְט, דַאן גֵייט אַלֶעס מִיטְ׳ן לִינְקֶען פוּס. דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, דִי קִינְדֶער זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקְן אוּן קֶענֶען נִישְׁט גֶעהֶערִיג אוֹיפְוַואקְסְן, אוּן אַלֶעס טוֹיג נִישְׁט.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַמָאל צַייטְן וָואס עֶר אִיז אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶעמִיט, עֶר אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן נֶערְוֶועז, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער דַארְף דָאס דֶערְשְׁמֶעקְן אוּן וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען רִיכְטִיג אִין אַזַא מַצָב. דִי נַאטוּר אִיז אַז וֶוען יֶענֶער אִיז נֶערְוֶועז, מַאכְט דָאס מִיר אוֹיךְ נֶערְוֶועז, אוּן וֶוען בֵּיידֶע זֶענֶען צוּזַאמֶען נֶערְוֶועז, וֵוייסְט דָאךְ שׁוֹין יֶעדֶער וָואס עֶס קוּמְט אַרוֹיס דֶערְפוּן. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן וֶוען מְ׳זֶעט אַז יֶענֶער אִיז אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ הַאלְטְן רוּאִיג,

פאַרשטיין יענעמ׳ס געפילן, אויסהערן וואס יענער האָט זיך אויסצורעדן, און פּרובירן יענעם צו בּאַרואיגן און מאַכן יענעם פרייליך.

חז״ל זאָגן (ראש השנה ו׳.) "אשה, בעלה משמחה" - דער מאַן דאַרף פרייליך מאַכן זיין ווייב. ווידער זאָגן חז״ל (יבמות ס״ב:) "כל אדם שאין לו אשה שרוי בלא שמחה" - אַ מאַן וואס האָט נישט קיין ווייב, קען נישט זיין פרייליך, זעט מען דאָ פאַרקערט, אַז די פרוי איז דער וואס מאַכט פרייליך דעם מאַן. און ביידע איז אמת, אַמאָל דאַרף דער מאַן מחזק זיין און פרייליך מאַכן זיין ווייב, און אַמאָל דאַרף די ווייב פרייליך מאַכן און שטאַרקן איר מאַן. ווען ביידע העלפן זיך אַרויס איינער דעם צווייטן, דעמאָלט איז עס די שענסטע זאַך, אין אַזאַ הויז איז דאָ אַ ריכטיגע שלום בית.

אויסער דעם דאַרף יעדער זיך גוט אַליין קענען, וויסן די אייגענע געפילן, און וויסן ווען מען איז אין אַ שלעכטע גיסטע. דער פאַקט איז אַז ווען אַ מענטש איז אין אַ שלעכטע געמיט, וועט ער אַלעס זען מיט שוואַרצע ברילן, יעדע קליינע זאַך וועט אים דערנערווירן, יעדע זאַך וואס גייט עפּעס נישט גוט וועט אים מאַכן אינגאַנצן אויס מענטש. אַפילו זאַכן וואס וואלט אים אינגאַנצן נישט געשטערט ווען ער וואלט ווען געווען אין אַ פריילעכע מוט, וועט אים אָבער יעצט יאָ זייער דערקוטשען און אויפרעגן.

דעריבער, אויב איינער שפירט ביי זיך אַז ער איז יעצט איז אַ שלעכטע מוט, זאָל ער דאס וויסן, און ער זאָל פּרובירן אַרויסצוגיין אַביסל שעפּן פרישע לופט, פּרובירן זיך אָפּצוקילן די נערוועץ מיט עפּעס, זיך אַביסל אויסלופטערן דעם מֹחַ, און ערשט נאָכדעם

וָואס ער האט זיך בּארואיגט זאל ער צוריק קומען אין שטוב אַריין. ווייל אויב נישט, אויב וועט ער זיך ארומדרייען אינדערהיים אנגעצויגענערהייט, וועט ער פון אונטער דער ערד טרעפן זאכן אויף וואס זיך צו קריגן, אויף יעדע זאך וועט ער האבן אַ פארקערטע מיינונג, ער וועט טרעפן חסרונות בּיי יעדן איינעם, און ס׳וועט זיכער נישט ארויסקומען קיין גוטס דערפון.

ווען מ׳נעמט דאס גוט אריין אין קאפ, קען מען זיך איינשפארן אסאך צער און עגמת נפש, אנשטאט זיך צו קריגן און פרובירן זיך אונטערצוברענגען איינער דעם צווייטן חס שלום, דארפן מאן און ווייב זיך העלפן איינער דעם צווייטן, פרובירן צו בּארואיגן זיך און יענעם ווען מ׳איז אין אן אנגעצויגענעם מצב. דער עיקר הצלחה אין אַ שטוב איז ווען מ׳העלפט זיך

אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, און מְ׳בּויעֶט אִינְאֵיינֶעם אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

ס׳מַאכְט זִיךְ יֶעדְן טָאג מֵיינוּנְגְס פַארְשִׁידְנְהֵייטְן אִין אַ שְׁטוּב, אֵיינֶער טְרַאכְט אַזוֹי און דֶער צְוֵוייטֶער טְרַאכְט פַארְקֶערְט, און מְ׳קֶען נִישְׁט בַּאשְׁלִיסְן וָואס צוּ טוּן. ס׳וֶועט אַלֶעמָאל זַיין טַעֲנוֹת, און אֲפִילוּ גֶערֶעכְטֶע טַעֲנוֹת פון אֵיינֶעם אויפְ׳ן צְוֵוייטְן, דָאס וֶועט אָבֶער גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן פַארְ׳ן תַּכְלִית אויפְצוּבּויעֶן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב. אויב וִויל מֶען מַצְלִיחַ זַיין, הָאבְּן אַ רִיכְטִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת, זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מוּז מֶען זֶען מְוַותֵּר צוּ זַיין אֵיינֶער פַארְ׳ן צְוֵוייטְן, זִיךְ פַארְשְׁטֵיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, און פְּרוּבִּירְן צוּ קומֶען צוּ אַ מִיטְל וֶועג, און אַזוֹי וֶועט דָאס הויז זַיין אַ וַוארֶעמֶע גֶעשְׁמַאקֶע הֵיים סֵיי פַאר דִי עֶלְטֶערְן און סֵיי פַאר דִי קִינְדֶער.

## ו

וִויפִיל עֵצוֹת מְ'זָאל נָאר הֶערְן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, דַארְף מֶען אָבֶער גֶעדֶענְקֶען אַז גָארְנִישְׁט קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיב בְּרֶענְגְט מֶען נִישְׁט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּב, דַאן וֶועט דִי שְׁטוּב אִינְגַאנְצְן צֶעפַאלְן.

חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת, פֶּרֶק ט') "אִי אֶפְשָׁר לָאִישׁ בְּלֹא אִשָּׁה, וְאִי אֶפְשָׁר לָאִשָּׁה בְּלֹא אִישׁ, וְאִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵיהֶם בְּלֹא שְׁכִינָה", אַ מַאן קֶען נִישְׁט זַיין אָן אַ פְרוֹי, אוּן אַ פְרוֹי קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אָן אַ מַאן, אוּן בֵּיידֶע צוּזַאמֶען קֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס דַארְף מֶען אַלֶעמָאל גֶעדֶענְקֶען, אַז מַאן אוּן וַוייב קֶענֶען טַאקֶע נִישְׁט זַיין אֵיינֶער אָן דֶעם צְוֵייטְן, אָבֶער בֵּיידֶע מוּזְן אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווִי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּב? דוּרְךְ תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַז בֵּיידֶע זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין, אוּן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין, אוּן סְ'זָאל קוּמֶען אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אִין שְׁטוּב.

מִיר גֶעפוּנֶען בַּיי יִצְחָק אָבִינוּ אוּן רִבְקָה אִמֵּנוּ וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כ"ה, כ"א) "וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ", אוּן רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט דָארְט פוּן מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ס"ג, ה') "זֶה עוֹמֵד בְּזָוִית זוּ וּמִתְפַּלֵל, וְזוּ עוֹמֶדֶת בְּזָוִית זוּ וּמִתְפַּלֶלֶת", יִצְחָק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אֵיין ווִינְקֶל אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, אוּן רִבְקָה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים אַנְדֶערְן ווִינְקֶל אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אִינְאֵיינֶעם אוֹיסְגֶע'פּוֹעֶלְ'ט מִיט זֵייעֶרֶע תְּפִלּוֹת גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער.

יֶעדֶע תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מְ׳רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב אוּן טוּט אוֹיף גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן; וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער דָא אַ תְּפִלָּה מִיט אַחְדוּת, אִיז דָאס נָאךְ פִיל מֶער חָשׁוּב, עֶס טוּט אוֹיף אַסַאךְ מֶער, וַוייל וואוּ סְ׳אִיז דָא אַחְדוּת, דָארְט רוּעֶט דִי שְׁכִינָה.

דֶערִיבֶּער וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ בֶּעטְן צוּזַאמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי בֶּעטְן אֵיינֶער אוֹיף דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם צְוֵויטְן, זֵיי בֶּעטְן בֵּיידֶע אוֹיף דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער, זֵיי בֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם אוֹיף לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, וֶוערְט פוּן דֶעם גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט אַזֶעלְכֶע תְּפִלוֹת, אוּן עֶר שִׁיקְט אַלֶע גוּטֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ.

דֶעריבֶּער לָאמִיר זַיין קְלוּג, לָאמִיר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן מַאכְן תְּפִלּוֹת אִינְאֵיינֶעם, יֶעדֶער זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע מַאמֶע לָשׁוֹן, אַלֶעס וָואס מְ׳דַארְף אוּן אַלֶעס וָואס דֶער צְוֵוייטֶער דַארְף, אוּן אַזוֹי וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן אִין שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען דִי שְׁכִינָה אִיז דָא, קוּמֶען שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ מִיט אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מְ׳טָאר נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן הוֹיז, נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן דֶעם יֵצֶר הָרַע אִין שְׁטוּבּ, וַוייל אוֹיבּ יָא וֶועט דָארְט זַיין נָאר בִּיטֶערֶע צָרוֹת חַס וְשָׁלוֹם. חַזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה י״ז.) ״אִישׁ וְאִשָּׁה שֶׁזָּכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן. לֹא זָכוּ, אֵשׁ אוֹכַלְתָּן״ - אוֹיבּ דִי פָּאר-פָאלְק זֶענֶען זוֹכֶה, דַאן רוּעֶט דִי שְׁכִינָה צְוִוישְׁן זֵיי, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט, וֶוערְן זֵיי פַארְבְּרֶענְט אִין פֵייעֶר. אִין

דָאס וָוארְט "אִישׁ" אִיז דָא דֶער אוֹת י׳, אוּן אִין דָאס וָוארְט "אִשָּׁה" אִיז דָא דֶער אוֹת ה׳, אוּן צוּזַאמֶען אִיז דָאס דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען סְ׳אִיז דָא יִרְאַת שָׁמַיִם אִין שְׁטוּבּ, מְ׳פִירְט זִיךְ נָאר וִוי דִי תּוֹרָה עֶרְלוֹיבְּט, מְ׳הַאלְט אַיין אַלֶע מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, מְ׳הִיט אוֹיף טַהֲרַת הַמִשְׁפָּחָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דֶעמָאלְט אִיז שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, מְ׳פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן סְ׳אִיז לִיכְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ.

אוֹיבּ אָבֶּער נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן הוֹיז, מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם אוֹת י׳ פוּנֶעם מַאן אוּן דִי אוֹת ה׳ פוּן דִי וַוייבּ, דַאן בְּלַייבְּט עֶס אִיבֶּער בְּלוֹיז אֵשׁ מִיט אֵשׁ, פֵייעֶר מִיט פֵייעֶר, דִי פֵייעֶרְן פוּן מַחְלוֹקֶת

הוֹיבְּט אָן בְּרֶענֶען אִין הוֹיז, און אֵיינְמָאל אַ פֵייעֶר צִינְדְט זִיךְ אָן, אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶס צוּ פַארְלֶעשְׁן.

מְ'זֶעט בַּיי אַ גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע פֵייעֶר, וֶוען מְ'צִינְדְט אָן אַ פֵייעֶר און עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אַרוֹיס פוּן קָאנְטְרָאל, אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶס צוּ פַארְלֶעשְׁן, דִי פֵייעֶר צִינְגֶען כַאפְּן אַרַיין אַלֶעס וָואס קוּמְט נָאר אוּנְטֶער זֵייעֶרֶע הֶענְט, אַלֶעס וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט, אֲפִילוּ אוּמְשׁוּלְדִיגֶע זַאכְן וָואס מְ'הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְצִינְדֶען.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי דִי פֵייעֶרְן פוּן מַחְלוֹקֶת וָואס בְּרֶענֶען אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וִוי נָאר דִי מַאן און וַוייבּ הוֹיבְּן זִיךְ אָן קְרִיגְן, אֲפִילוּ אִין אָנְהוֹיבּ קֶען עֶס אוֹיסְזֶען וִוי בְּלוֹיז אַ קְלֵיינֶע מַחְלוֹקֶת, אֵיינְמָאל אָבֶּער מְ'גֵייט אַרַיין אִין אַ כַּעַס און אִין אַ קְרִיגֶערֵיי, אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶס צוּ פַארְלֶעשְׁן. דִי פֵייעֶר גֵייט

אַרוֹיס אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט זִיךְ צוּ דִי קִינְדֶער, צוּ דִי עֶלְטֶערְן, צוּ דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, צוּ דִי שְׁכֵנִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער. אוּן דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶס אָפְּצוּשְׁטֶעלְן.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ הִיטְן אוֹיף אַלֶע הֲלָכוֹת אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף דִי וִויכְטִיגֶע הֲלָכוֹת פוּן טַהֲרַת הַמִשְׁפָּחָה. וַוייל וֶוען מְ׳וֶועט הִיטְן דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן אִין שְׁטוּב, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דָארְט זַיין נָאר שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת י׳:) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (שׁוֹפְטִים ו׳, כ״ד) ״וַיִקְרָא לוֹ ה׳ שָׁלוֹם״, אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם; וֶוען מְ׳הִיט אוֹיף אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן, אוּן מְ׳רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ׳בֶּעט אִים

יֶעדֶע זַאךְ, דֶעמָאלְט אִיז דָא אַ רִיכְטִיגֶע שֵׁיינֶע שָׁלוֹם בַּיִת אִין שְׁטוּב.

## ז

מְ'דַארְף גוּט וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז מַאן אוּן וַוייבּ זֶענֶען וִוי אֵיינְס, זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּטֵיילְן אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן, אוּן זֶענֶען בֵּיידֶע אָנְגֶעוָואנְדְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן אַנְדֶערְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי סַנְהֶדְרִין, פֶּרֶק ג', הֲלָכָה ט') "אִשָּׁה כְּבַעֲלָהּ, וּבַעַל כְּאִשְׁתּוֹ", דִי פְרוֹי אִיז אַזוֹי וִוי דֶעם מַאן, אוּן דֶער מַאן אִיז אַזוֹי וִוי דִי פְרוֹי, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מְנָחוֹת צ"ג:) "אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ דַּמְיָא", דִי פְרוֹי אִיז אַזוֹי וִוי אַ חֵלֶק פוּנֶעם מַאן, אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט אַרָאפְּשְׁנַיידְן אַ חֵלֶק פוּן זַיין גוּף, דִי זֶעלְבֶּע קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּטֵיילְן צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ וֵוייסְן אַז זֵיי זֶענֶען וִוי אֵיין מֶענְטְשׁ, זֵיי הָאבְּן זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, זֵיי

ווילן נישט מְצַעֵר און טְשֶׁעפֶּען אֵיינער דֶעם צְוֵוייטְן, בֵּיידֶע ווילְן נָאר אֵיין זַאךְ צוּ פִירְן צוּזַאמֶען זֵייעֶר שְׁטוּב מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ שְׁטוּב לוֹיט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס ווילְן, און בֵּיידֶע זֶענֶען מְחַזֵק און שְׁטַארְקְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; אִיז דָאךְ נִישְׁטָא קֵיין שֶׁענֶערֶע און בֶּעסֶערֶע זַאךְ פון דֶעם.

חַזַ"ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה ד', ט') אוֹיפְ'ן פָּסוּק (קֹהֶלֶת ד', ט') "טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד; טוֹבִים הַשְּׁנַיִם, אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ. מִן הָאֶחָד, זֶה לְעַצְמוֹ וְזוּ לְעַצְמָהּ", מִיט דֶעם וָואס מַאן און וַוייבּ לֶעבְּן צוּזַאמֶען בְּשָׁלוֹם, און זֵיי בְּרֶענְגֶען אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, רוּעֶט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צְווִישְׁן זֵיי, און וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּעֶט צְווִישְׁן זֵיי וֶוערְן זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט פון אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, און בַּאקוּמֶען אַלֶעס גוּטְס. ווִי חַזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט בְּרֵאשִׁית, רֶמֶז כ"ד) "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נָתַן שְׁמוֹ

בֵּינֵיהֶם, אִם הוֹלְכִים הֵם בְּדְרָכַי הֲרֵי שְׁמִי בֵּינֵיהֶם, וּמַצִּיל אוֹתָם מִכָּל צָרָה, וְאִם לַאו, הֲרֵינוּ נוֹטֵל אֶת שְׁמִי, וְהֵם נַעֲשִׂין אֵשׁ וָאֵשׁ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט אַרַיין זַיין נָאמֶען צְווִישְׁן זֵיי, אוֹיבּ גֵייעֶן זַיין אִין זַיינֶע וֶועג, וֶוערְן זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע צָרוֹת; אוּן אוֹיבּ נִישְׁט, נֶעמְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיס זַיין נָאמֶען, אוּן זֵיי וֶוערְן פַאְרבְּרֶענְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

## ח

גֶענוּג אִיז גֶענוּג, שׁוֹין גֶענוּג זִיךְ גֶעקְרִיגְט אוּן זִיךְ גֶעגֶעסְן דָאס גֶעזוּנְט, שׁוֹין גֶענוּג זִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶועזְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן פַאר אַזוֹיפִיל יָארְן, לָאמִיר זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער, לָאמִיר מְקַיֵים זַיין דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב׳, כ״ד) ״עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ וְהָיוּ לְבָשָׂר אֶחָד״ - אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין טַאטֶע מַאמֶע אוּן

זיךְ בַּאהֶעפְטְן מִיט זַיין ווייבּ און וֶוערְן צוּזַאמֶען ווִי איין מֶענְטְשׁ, לָאמִיר זיךְ אָנְהוֹיבְּן פַארְשְׁטֵיין אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, מְוַותֵּר זַיין אֵיינֶער פַאר'ן צְוֵוייטְן, לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, דַן זַיין לְכַף זְכוּת אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, און צוּזַאמֶען זיךְ שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין נָאר אִין דִי וֶועגְן פון דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, רֶעדְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן און לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶעמָאלְט וֶועט אוּנְז זַיין אַזוֹי גוּט און גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, סֵיי פַאר אוּנְז אַלֵיין, און סֵיי פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זיךְ אָפְּלֶערְנֶען פון אוּנְז און דָאס אוֹיךְ נָאכְמַאכְן, און אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

לָאמִיר פָאלְגְן וָואס חַזַ"ל לֶערְנֶען אוּנְז (סַנְהֶדְרִין ע"ו:) "הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ, וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ, וְהַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה, וְהַמַּשִּׂיאָן סָמוּךְ

לְפִּרְקָן, עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר (אִיּוֹב ה׳, כ״ד) וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ״ - וֶועֶר עֶס הָאט לִיבּ זַיין וַוייבּ פּוּנְקְט וִוי זִיךְ אַלֵיין, אוּן עֶר אִיז אִיר מְכַבֵּד נָאךְ מֶער פוּן זִיךְ אַלֵיין, עֶר צִיט אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער אוּן פִירְט זֵיי אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן וֶועג, אוּן עֶר מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה פְרִי אוּן בַּאצַייטְנְס, אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ זָאגְט דֶער פָּסוּק אַז עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם אוּן פְרִידְן אִין זַיין הוֹיז.

אוֹיבּ וֶועלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט בַּאגְנוּגֶענֶען בְּלוֹיז מִיטְ׳ן לֵיינֶען דֶעם קוּנְטְרֵס, נָאר מִיר וֶועלְן פְּרוּבִירְן מְקַיֵּים צוּ זַיין אַלֶעס וָואס דָא שְׁטֵייט, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן טוּן אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן דָא גֶעלֶערְנְט, דַאן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ רִיכְטִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת, מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן, סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה** ומשפ',

**אלחנן חיים** ומשפ',

**מרים העניא זיסל** ומשפ',

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא

את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון

בבני חיי ומזוני רוויחא

ויזכו לרות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

**דער קונטרס האט מנדב געווען**
**א תלמיד פון ברסלב'ע ישיבה אין**
**ווילאמסבורג.**

**הבחור שמעון רוטה נ״י**

**דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער גרויסער זכות זאל אים ביישטיין, ער זאל אויסוואקסן א גרויסע ערליכער איד.**

**ווי אויך לזכות זיין גרויסע טאטע דער ראש ישיבה שליט"א זאל זיין געזונט און שטארק.**